בס"ד

▌ גליון מוגדל לרגל חג הסוכות ▌

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

## סוכות
## ט"ז תשרי תשפ"ז

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 5:56 |
| מוצש"ק | 7:07 |
| ר"ת | 7:43 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | |
|---|---|
| סוזק"ש א' 8:45 | סוז"ת א' 10:00 |
| סוזק"ש ב' 9:30 | סוז"ת ב' 10:30 |

▌ די צייטן לויט די זומער זייגער ▌

גליון מס':
רז
שנה ד'

## טיב הפרשה

# ושמחת בחגך

## די גרויסע שמחה פון חג הסוכות

מיר טרעטן אצינד אריין אין די הייליגע און לעכטיגע טעג פון דער יום טוב סוכות. די טעג פון סוכות זענען געהויבענע און הייליגע טעג און זענען פול מיט התעלות און מיט קדושה.

מערערע נעמען איז דא פאר דער הייליגער יום טוב. די תוה"ק רופט עס אן חג הסוכות אדער חג האסיף, אבער מען טרעפט אז דער יום טוב ווערט אויך אנגערופן זמן שמחתנו.

ווען מען איז זיך מתבונן אין דעם נאמען ווערט אביסל שווער צו פארשטיין פארוואס עפעס האט סוכות זוכה געווען צו אזא חשוב'ער טיטל פון זמן שמחתנו.

כלל ישראל איז געבענטשט געווארן מיט מערערע ימים טובים. יעדער יום טוב צייכנט אפ א געוויסער זאך און יעדער זאך וואס זי צייכענט אפ איז א דערפרייענדער זאך. אין דעם יום טוב פסח צייכנט מען אפ די צייט פון די יציאת מצרים און דאס אליין איז א דערפרייענדער זאך און עס וואלט זיך אזוי געפאסט אז מ'זאל איר בא'טיטל'ען מיט'ן טיטל פון זמן שמחתנו.

די זעלבע איז אויך שבועות ווען מ'צייכענט אפ דער זמן פון מתן תורה. אויך דאס איז א דבר שמחה און לכאורה איז עס נאך אזא גרויסע שמחה ווי די שמחה וואס מ'צייכענט אפ וועגן די ענני הכבוד אבער דאך זעט מען אז מ'האט עס נישט אנגערופן מיט'ן נאמען זמן שמחתנו?

צו פארשטיין דער פשט פון דעם נאמען און איר באזונדערקייט, מוז מען ערשט מקדים זיין א שטארקע בחינה וואס ווערט געברענגט אין ספרי קודש. אין אלע ספרי קודש ווערט מבואר אז ביי יעדע מצוה וואס א איד טוט קומט אראפ א מורא'דיגע אור מלמעלה. נישט נאר קומט אראפ אן אור נאר די אור איז גורם פאר א מענטש א מורא'דיגע שמחה.

## טיב המערכת

# דער רצון צו לעבן

אמאל איז הרה"ק רבי אליעזר'ל דזשיקובער זי"ע קראנק געווארן מיט א מסוכנ'דיגע קרענק, און אין יענע תקופה האט ער באגעגנט זיין מחותן, דער הייליגער צאנזער רב זי"ע, און ער האט אים געבעטן אז ער זאל מתפלל פאר זיינעטוועגן אז ער זאל האבן א רפואה שלימה.

הערנדיג זיין פארלאנג, האט זיך דער הייליגער צאנזער רב געמאכט אזוי ווי ער דרייט זיך ארויס דערפון, זאגנדיג: מחותן, דארף אויפן עולם האמת איז דאך בעסער ווי דא אויפן עולם השקר...

האט זיך דער הייליגער דזשיקובער פראבירט ממליץ זיין אויף זיך זעלבסט, טענה'נדיג אז ווילאנג ער געפינט זיך דא אויפן עולם הזה, זארגט ער פאר די געברויכן פון זיינע קינדער און אייניקלעך [וועלכע זענען אויך געווען די אייניקלעך פון דער הייליגער צאנזער רב], און ווען ער וועט אוועקגיין פון דער וועלט וועלן זיי בלייבן אן קיין שטיצער, און דעריבער איז בעסער אז ער זאל בלייבן ביים לעבן. אבער יעצט האט זיך דער הייליגער צאנזער רב ווייטער געמאכט אזוי ווי ער וויל זיך ארויסדרייען, און ער האט געענטפערט פארן הייליגן דזשיקובער: ווען איר וועט זיין אויפן עולם האמת, וועל איך זארגן פאר זיי.

ווען דער הייליגער דזשיקובער האט געזען אז די ענינים פונעם עולם הזה זענען נישט קיין סיבה אז דער הייליגער צאנזער רב זאל טוישן זיין מיינונג וועגן זיי, האט ער זיך געמוזט מודה זיין איבערן אמת'ן תכלית פארוואס ער וויל לעבן דא אויף דער וועלט, און ער האט געזאגט צו דער הייליגער צאנזער רב: יעצט קומען דאך די הייליגע טעג, און ווען איך דאווען, פרייען זיך די גאנצע פַּמַלְיָא שֶׁל מַעְלָה מיט מיינע תפילות.

גלייך איז דער הייליגער צאנזער רב באוויליגט געווארן, און ער זיך געגאנגען טובל'ן, און ווען ער איז צוריקגעקומען האט ער געזאגט צו דער הייליגער דזשיקובער: איך האב גע'פועל'ט אין הימל צו פארלענגערן אייער לעבן פאר נאך זיבן יאר.

שפעטער האט דער הייליגער שינאווער רב געפרעגט זיין טאטע, דער הייליגער צאנזער רב, פארוואס האט ער זיך אין אנהייב געמאכט אזוי ווי ער דרייט זיך ארויס פון דער הייליגער דזשיקובער? האט אים דער הייליגער צאנזער רב געענטפערט: איך האב געהאט א שטארקער רצון צו ווייזן ווי די צדיקים באהאלטן זייערע מדריגות, און איך האב טאקע מצליח געווען דאס צו ווייזן, ווייל אין אנהייב, ווען ער האט געזען אז איך וויל וויסן פארוואס ער וויל לעבן לאנג, האט ער זיך פראבירט ארויסדרייען און ווייזן אז זיין ציל איז נאר וועגן פשוט'ע ענינים, דאס הייסט, כדי צו שפייזן זיינע קינדער און אייניקלעך, אבער דעמאלטס האב איך אים נאכאמאל פראבירט מאכן רעדן, דורכדעם וואס איך האב עס אוועקגעמאכט זיין טענה, און דעמאלטס האט ער זיך געמוזט מודה זיין אז זיין גאנצע ציל איז נאר צו מאכן נחת רוח פאר השי"ת...

ווירקליך איז עס אזוי בי די גרויסע צדיקים, אז זייער גאנצע מציאות אויף דער וועלט איז נאר כדי צו מאכן נחת רוח פארן אויבערשטן. אבער אין אמת'ן אריין איז דא די נקודה ביי יעדן איד בַּאֲשֶׁר הוּא שָׁם. און דאס מיינט מען יעדער איינער, אפילו אויב ער האט פערזענליכע נגיעות אין די חַיֵּי שָׁעָה, פונדעסטוועגן ווייסט ער אז די תכלית פון זיין לעבן איז תורה און מעשים טובים וואס דורך זיי ברענגט ער נחת רוח פארן אויבערשטן, און אויך אונזער באגער אין די גשמיות'דיגע געברויכן איז נאר כדי אז מען זאל זוכה זיין דורך זיי צום געוואונטשענעם תכלית, וואס דאס איז – צו ברענגען נחת רוח פארן אויבערשטן.

און טאקע, אין דעם הייליגן יו"ט פירן מיר זיך צו זאגן די 'הושענות', און דערמיט איז מען מעורר א זכות צו ממשיך זיין אונזערע גשמיות'דיגע געברויכן, אבער פאר אלעס זאגן מיר: הוֹשַׁע נָא לְמַעַנְךָ אֱלֹקֵינוּ, הוֹשַׁע נָא לְמַעַנְךָ בּוֹרְאֵנוּ, הוֹשַׁע נָא לְמַעַנְךָ גּוֹאֲלֵנוּ, הוֹשַׁע נָא לְמַעַנְךָ דּוֹרְשֵׁנוּ. דערמיט זענען מיר מְגַלֶּה דַּעַת, אז אלעס וואס מיר בעטן, איז נאר 'לְמַעַנְךָ'. אונזער גאנצע גלוסטעניש אין די ענינים פון גשמיות, איז נאר בלויז צו פארמערן כבוד שמים דורך זיי.

(עפ"י טיב המועדים – תשרי)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

די אור ווערט היבש שטארקער ווען עס קומט צוגיין א שבת קודש אדער א יום טוב. אין אזא צייט עפענען זיך די שערי שמים ברייט און עס רינט אראפ פון איר שפע קודש אן קיין גרעניץ. די נשמה פון דער מענטש ווערט אנגעפולט מיט אור ה׳, מיט ריינקייט, מיט הייליגקייט ומעל כולם מיט שמחה, ווייל שמחה מיט קדושה שפאנען אינאיינעם, לאפוקי פון עצבות ודכדוך וועלכע גייט האנט ביי האנט מיט טומאה וזוהמא.

אבער טראץ וואס עס קומט אראפ מלמעלה אזא אור, שפירן מיר נישט די אור. די סיבה פארוואס מיר שפירן נישט איז ווייל די טומאה איז חוצץ צווישן די אור און די הרגשה, עס לאזט נישט דעם מענטש אנקומען צו די ריכטיגע הרגשה, ער זאל שפירן די אויסטערלישע שמחה וואס איז דא ביי שמחה של מצוה.

אגאנץ יאר איז ליידער דא דער מסך המבדיל וואס איז חוצץ און לאזט נישט דעם מענטש אנצוקומען צו די הרגשה פון קדושה אין די טעג, אבער אנדערש איז די חודש תשרי פון די אנדערע ימים טובים.

די ימים טובים פון חודש תשרי ענדיגט זיך מיט דער יום טוב סוכות און שמיני עצרת, אבער פאר דעם איז דא א לאנגע רייע פון לעכטיגע און געהויבענע טעג און דאס זענען די טעג פון ׳ראש השנה׳ און שפעטער ׳יום כיפור׳ ביז צו סוכות.

די אלע טעג זענען הכנה טעג צו דער גרויסער אור וואס קומט אראפ סוכות. אין די טעג וואשט א איד אויס די נשמה און רייניגט זיך פאר׳ן בורא כל העולמים.

אין די ספרי קודש ווערט געברענגט אז אזוי ווי די טעג צווישן פסח און שבועות זענען א הכנה צו שבועות און אין די טעג רייניגט מען אויס דער זעהל און מען איז איר מטהר מיט די זיבן מידות, אבער די זעלבע עבודה וואס מיר מאכן דארט אין זיבן וואכן מאכט מען יעצט אין די זיבן טעג, נאר דא איז גענוג איין טאג פאר א מידה.

מיט דער דערהער קען מען פארשטיין פארוואס סוכות איז זמן שמחתנו.

עס איז זמן שמחתנו ווייל עס איז די איינציגסטער יום טוב וואס אין איר קען מען זיך פרייען באמת און דערשפירן די שמחה אזוי שטארק ביז עס גייט אריין אין די ביינער.

זאל הקב״ה געבן אז מ׳זאל זוכה זיין צו שפירן די שמחה און אז די שמחה זאל אריינגיין טיף טיף אין די ביינער און זאל פארבלייבן א גאנץ יאר, און אז בקרוב ממש זאל מען זיך שוין קענען פרייען מיט די אמת׳ע שמחה פון ביאת משיח צדקנו בקרוב ובמהרה.




# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית
### געשריבן הזהך לייענערס

## געגעבן מעשר געלט – געזען די ברכה

פאר לאנגע יארן טוה איך אין אינסטאלירן עירקאנדישענס אין שטיבער. עס איז ברוך ה׳ א פרנסה וואס ברענגט אריין שיינע פארדינסטן, אבער עס איז אויך א דזשאב וואס פאדערט זיך אז מ׳זאל האבן אסאך טייערע געצייג פאר די ארבעט.

עס מאכט זיך אפטמאל אז מ׳דארף לעכערן א וואנט און פארדעם פעלט זיך אויס א סארט מאשין וואס הייסט א ׳קאנגא׳ וואס קען לעכערן דיקע ווענט. אזוי אויך איז דא אנדערע געצייג וואס פעלט זיך אויס פאר די ארבעט.

ווען איך האב אנגעהויבן די ארבעט פלעג איך טאג טעגליך אויסליידיגן מיין קאר און ארויפשלעפן די געצייג אריין צו מיר אין שטוב, אויס מורא אז מ׳זאל עס נישט גנב׳נען.

אבער מיט די צייט בין איך געווארן אביסל נאכלעסיגער. נאכ׳ן איבערלאזן די געצייג אין קאר און זען אז עס געשעט נישט גארנישט האב איך עס אנגעהויבן איבערלאזן אפטער אין די קאר, ביז עס איז געווארן א קביעות אז עס בלייבט ליגן אין די קאר.

איין טאג, נאך א שווערע טאג ארבעט, האב איך זיך געזעצט מאכן חשבונות.

איך האב אויסגערעכענט אלע מיינע געלט זאכן, וויפיל קומט אריין, וויפיל גייט ארויס און וויפיל מעשר געלט איך דארף געבן. נאכ׳ן אפשיידן די מעשר געלט און עס געבן פאר א איד, האב איך געדאווענט מעריב און זיך געגרייט צו גיין שלאפן.

דער מארגענדיגער טאג איז געווען א שווערע טאג. איך האב זיך געגרייט צו רייזן קיין אויסלאנד אויף א משפחה שמחה און געווען נערוועז צי אלעס וועט קלאפן. איך האב זיך געלייגט אין בעט, אבער וויפיל איך האב פראבירט האב איך נישט געקענט כאפן א שלאף.

נאך א האלבע שעה זיך דרייענדיג אין בעט, האב איך אויפגעגעבן. איך בין ארויס פון שטוב מיט א הייסע קאווע צו שעפן אביסל פרישע לופט, האָפנדיג אז שפעטער וועל איך קענען צוריק איינשלאפן.

שטיי איך אזוי אין גאס, פארענט פון מיין שטוב, ווען מיטאמאל הער איך א גערויש, איך געב א קוק און כ׳זעה נישט מער און נישט ווייניגער ווי צוויי פאמאסקירטע אראבער שטייען ביי מיין קאר און גרייטן זיך איר אויסצוליידיגן פון די געצייג.

איך האב גלייך אנגעהויבן מאכן א גערודער. זעענדיג אז איך קום זענען זיי אנטלאפן פון דארט ווי שנעל די שאטן האט זיי געטראגן און זיך מער נישט צוריקגעקערט צו איר.

ווען זיי זענען אוועקגעגאנגען בין איך געגאנגען קוקן ווי גרויס די שאדן איז געווען. איך האב געזען אז אויסער צוברעכן די גלאז זיך ארייננצובאקומען אין די קאר און רויבן פון איר אן אלטער פארקוועטשטער דריל האבן זיי נישט עספיעט צו גנב׳ן עפעס מער.

איך האב געדאנקט הקב״ה פאר דעם און גלייבנדיג אז די ישועה האט מיר באטראפן אין זכות פון געבן מעשר געלט.

אז מ׳געבט מעשר געלט שיקט הקב״ה אריין די ברכה אין די זאך און מ׳ווערט ניצול פון אלע שאדנס.

(דערציילט דורך דער בעל המעשה: י.ר.)

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר׳ שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# כֵּן אֶזְכֶּה לֵישֵׁב בַּסֻּכָּה לְשָׁנָה הַבָּאָה

"יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ד' אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ, כְּשֵׁם שֶׁקִּיַּמְתִּי וְיָשַׁבְתִּי בְּסוּכָּה זוּ, כֵּן אֶזְכֶּה לְשָׁנָה הַבָּאָה לֵישֵׁב בְּסוּכָּה שֶׁל לִוְיָתָן". (תפילה כשיוצאין מן הסוכה).

אינעם ספר הקדוש **"בית אהרן" זצוק"ל** (שלהי שמחת בית השואבה), ווערט ערקלערט אז דאס איז א תפילה וואס מיר בעטן צו אלע טעג פונעם גאנצן יאר הַבָּאָה לִקְרָאתֵנוּ לְשָׁלוֹם.

וְזֶה לְשׁוֹן קָדְשׁוֹ: **"לִוְיָ"תָן** הוּא לְשׁוֹן הִתְחַבְּרוּת, שֶׁנִּזְכֶּה לְהִתְחַבֵּר וּלְהִתְיַחֵד עִם הַסֻּכָּה, עַל כָּל הַשָּׁנָה לְהִתְיַחֵד עִם ה', וְעִם מִצְוֹת סוּכָּה וְלוּלָב וּמִינָיו, וְלִקַּח לְעַצְמוֹ שִׂמְחָה עַל כָּל הַשָּׁנָה, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

קומט אויס, לְפִי דַּרְכּוֹ בַּקּוֹדֶשׁ, אז די תפילה גייט ארויף אויף יעדן איינציגן טאג פונעם גאנצן יאר, און דעריבער בעטן מיר: **"אֶזְכֶּה לַשָּׁנָה הַבָּאָה לֵישֵׁב בַּסֻּכָּה שֶׁל לִוְיָתָן"**, 'לויתן' איז אויך א לשון פון באגלייטן, און דאס מיינט אז די סוכה און די שמחה זאל אונז באגלייטן פאר אלע טעג פונעם קומענדיגן יאר, אז מיר זאלן זוכה זיין זיך צו באהעפטן און זיך צו מייחד זיין מיט השי"ת שטענדיג.

דאס איז אזוי ווי דער נוסח התפילה וואס דער הייליגער **"יסוד יוסף"** האט מתקן געווען צו זאגן אינדערצייט וואס מען גייט ארויס פון די סוכה, און עס שטייט געדרוקט אין די מחזורים:

**רִבּוֹנָא דְעָלְמָא, יְהֵא רַעֲוָא מִן קֳדָמָךְ, שֶׁאוֹתָן מַלְאָכִים הַקְּדוֹשִׁים הַשַּׁיָּכִים לְמִצְוַת סֻכָּה, וּלְמִצְוַת ד' מִינִים לוּלָב וְאֶתְרוֹג הֲדַס וַעֲרָבָה, הַנּוֹהֲגִים בְּחַג הַסֻּכּוֹת. – הֵם יִתְלַוּוּ עִמָּנוּ בְּצֵאתֵנוּ מִן הַסֻּכָּה, וְיִכָּנְסוּ עִמָּנוּ לְבָתֵּינוּ לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם, וְלִהְיוֹת תָּמִיד עָלֵינוּ שְׁמִירָה עֶלְיוֹנָה מִמְּעוֹן קָדְשֶׁךָ.**

• • •

## די מצוות פון די אתרוג און די סוכה, וואס האבן געברענגט א אידיש קינד צו עולם הבא

אין די שטאט **'בארדיטשוב'** איז אין א געוויסע יאר געווען א גרויסער מאנגל אין אתרוגים. דאס איז געווען זייער א שווערע יאר, און איבער די גאנצע שטאט איז נישט געווען צו געפינען אפילו אן איינציגן **'אתרוג'** אז די מענטשן פון די שטאט זאלן קענען מקיים זיין די מצוה דערמיט.

פארשידענע שלוחים זענען געשיקט געווארן, צו זוכן איבער אלע שטעט אינעם גאנצן געגנט, פון נאנט און ווייט, זיי האבן אבער נישט געטראפן קיין שום אתרוג צו קענען בענטשן דערויף! – די פרנסים פון די שטאט און די ראשי הקהילה, צוזאמען מיטן רבי'ן, דער הייליגער **קדושת לוי זצוק"ל זי"ע** זענען געווען זייער באזארגט, וויאזוי וועלן די מענטשן פון די שטאט מקיים זיין די הייליגע מצוה?

נאנט צום הייליגן יו"ט, איז אן עושר דורכגעפארן די שטאט בארדיטשוב, מיט זיין שיינע קארעטע, און איז אריינגעגאנגען פאר א קורצער באזוך אינעם הויז פון זיין פריינט, וועלכער איז געווען איינער פון די עשירים און פרנסים פון די שטאט. אזוי זיצנדיג און פארברענגענדיג מיט א געשמאקע שמועס, האט דער עושר דער אורח דערציילט פאר זיין חבר בסוד סודות, אז ווען ער איז געפארן אין די ווייטע לענדער, איז אים געלונגען צו פארשאפן אן **'אתרוג'** וואס איז ממש א הדר שבהדר, איינס אין דער וועלט! אזוי רעדנדיג האט ער ארויסגענומען פון זיין טאשקע א הערליכער אתרוג. ווי נאר דער בעל הבית האט עס געזען, האט א געשריי פון התפעלות אויסגעבראכן פון זיין מויל, דאס איז דאך א וואונדערליכער אתרוג, יְקַר תִּפְאֶרֶת!

דער בעל הבית האט גלייך פראבירט צו ניצן זיינע חושים פון האנדלען... איך בין גרייט דיר צו באצאלן קעש־געלט, דריי מאל וויפיל דו האסט געצאלט פאר דעם אתרוג! – דער עושר האט אבער גע'טענה'ט אז ער האלט עס בשום אופן נישט ביים פארקויפן, וויבאלד ער האט עס נישט געקויפט כדי צו האנדלען דערמיט, נאר ער האט עס געקויפט פאר זיך זעלבסט, לכבוד יו"ט, און ער וועט עס פאר קיין געלט אין די וועלט נישט פארקויפן!

ווען דער בעל הבית האט געזען אז מיט געוועזליכע האנדלען וועט אים נישט געלונגען צו באקומען דער אתרוג... האט ער פראבירט זיין כח מיט שתדלנות...

הער מיר אויס, מיין טייערער פריינד, האט ער אנגעהויבן אים איבערצורעדן. וויסן זאלסטו אז אין די גאנצע שטאט בארדיטשוב געפינט זיך נישט היי־יאר אפילו אן איינציגן אתרוג פאר די מצוה! נאכמער דערפון, מורינו ורבינו, דער הייליגער מרא דאתרא, איז אויך זייער שטארק באזארגט דערפון, זעענדיג אז מען האט נישט קיין שום מעגליכקייט צו טון די מצוה!

דער עושר האט זיך אבער געהאלטן ביי זיינס, ערקלערנדיג אז ער האלט זיך נישט פאר קיין חסיד פון דער הייליגער בארדיטשובער, און אויך איז ער נישט קיין איינוואוינער פון די שטאט, און דעריבער איז ער נישט מחויב איבערצולאזן דא זיין אתרוג, און וויבאלד עס איז אים צוגעפאלן די געוואלדיגע מצוה, האלט ער אז עס איז נישט ערלויבט פאר אים צו פארציכטן דערויף כדי אנדערע זאלן עס מקיים זיין, און ער וועט בלייבן אן גארנישט...

אויב אזוי, האט דער בעל הבית ארויפגעברענגט א נייער געדאנק, איז אפשר וועסטו מיט דיין גוטסקייט מסכים זיין צו בלייבן דא מיט אונז פאר דער הייליגער יום טוב, דו וועסט זיין אונזער חשוב'ער גאסט, און ווי פארשטענדליך וועט מען דיר מכבד זיין מיטן גאנצן כבוד וואס קומט זיך דיר ווי עס פאסט, און אזוי וועסטו אויך זוכה זיין צו מקיים זיין די מצוה, און וועסט אויך מזכה זיין דעם הייליגן רבי'ן און אלע מענטשן פון די שטאט מיט די גרויסע מצוה!

אבער אויך דערצו האט דער עושר נישט מסכים געווען, ערקלערנדיג אז ער האט זיך שוין ארויסגעלאזט פונדערהיים מיט פיר חדשים פריער, פאר זיינע געשעפטן, און ער האט שוין געלאזט וויסן ביי זיך אינדערהיים אז ער גייט צוריקקומען פאר סוכות אי"ה, און דעריבער קען ער זיך מער נישט פארזוימען אויפן וועג!

ווען דער בעל הבית האט געזען אז עס גייט אים נישט איבערצורעדן זיין חבר בשום אופן, האט ער אים געבעטן אז ער זאל מיטקומען מיט אים צום רב פון די שטאט, און זיך געזעגענען פון אים איידער ער פארט אוועק פון די שטאט.

דערצו האט דער עושר שוין מסכים געווען, וויבאלד דער הייליגער בארדיטשובער רב איז געווען באוואוסט אלץ איינער פון די גדולי צדיקי הדור, און יעדער איינער האט געוואלט באקומען פון אים א ברכה.

איז דער עושר געגאנגען צוזאמען מיט זיין חבר צום בית המדרש פונעם צדיק, און ווען זיי זענען אריינגעגאנגען צוזאמען בְּקוֹדֶשׁ פְּנִימָה, האט דער פרנס דערציילט פארן רבי'ן, אז דער עושר האט ביי זיך א שיינעם אתרוג, וואס איז א הָדָר בְּתַכְלִית הַהִדּוּר, ער איז אבער פאר'עקש'נט און וויל עס נישט פארקויפן פאר קיין געלט אין דער וועלט, נאר ער וויל פארזעצן זיין וועג און צוריק אהיימפארן פאר יו"ט צוזאמען מיט זיין אתרוג.

ווען דער הייליגער רבי האט געזען דעם אתרוג, האט ער אויך פראבירט בעטן פונעם עושר אז ער זאל מסכים זיין און בלייבן מיט זיי פארן יו"ט סוכות, דער עושר האט אבער אויך אפגעזאגט דעם רבי'נס פארלאנג, ערקלערנדיג אז ער קען זיך מער נישט פארזוימען אין וועג, נאר ער מוז ווי שנעלער אהיימקומען צו זיין משפחה.

"אויב דו וועסט בלייבן דא מיט אונז פאר יו"ט, בין איך דיר מבטיח **'גרויסע עשירות'** פאר דיין גאנצן לעבן"! – האט אים דער רבי געזאגט.

דער עושר האט אבער אפגעשטופט די ברכה, ערקלערנדיג אז ער האט שוין ברוך ה' גרויסע עשירות גענוג און נאך, פאר עטליכע דורות!

אויב אזוי, האט אים דער רבי געזאגט, וועל איך דיר מבטיח זיין גוטע און ערליכע קינדער!

אויך די ברכה דארף איך נישט האבן, האט זיך דער עושר פאר'עקש'נט, ערקלערנדיג אז ער האט שוין ברוך השם גוטע און ערליכע קינדער, וועלכע זענען תלמידי חכמים מופלגים, און ער שעפט פון זיי פיל אידישע נחת, זאל דער אויבערשטער ווייטער העלפן.

אבער נאכדעם וואס דער עושר האט אביסל ווייטער אריינגעטראכט, האט ער זיך אנגערופן, אז אויב דער רבי וועט אים מבטיח זיין אז ער וועט זיין **עִמּוֹ בִּמְחִיצָתוֹ** אויבן אין גן עדן! דעמאלטס וועט ער בלייבן אין בארדיטשוב פארן גאנצן יום טוב!

דער רבי האט זיך פארזונקען אין זיינע הייליגע מחשבות פאר א שטיק צייט, און דערנאך האט ער געזאגט: זאל זיין אזוי! איך בין מסכים דיר צו מבטיח זיין אז דו וועסט זיין **עִמִּי בִּמְחִיצָתִי בָּעוֹלָם הַבָּא**, אבי מיר זאלן דא האבן אן אתרוג צו בענטשן דערויף אינעם הייליגן יו"ט סוכות!

דער עושר האט זיך געפריידט מיט די הבטחה פונעם צדיק, און ער האט טאקע מסכים געווען צו בלייבן איינשטיין ביי זיין חבר פארן הייליגן יו"ט סוכות, ווען דער הערליכער אתרוג איז געבליבן ביי אים אין זיין טאשקע.

ווען עס איז געקומען דער ערשטער נאכט פון יו"ט סוכות, ווען אלע אידן זענען אריינגעגאנגען אין זייערע סוכות צו מקיים זיין די הייליגע מצוה פון סוכה, האט דער בעל הבית דער גאסטגעבער ערקלערט פאר זיין גאסט, אז ער וועט אים נישט קענען אריינעמען מיט אים אין זיין סוכה, וויבאלד דאס יאר האט ער א קליינע סוכה... און דעריבער זאל ער ענדערש זוכן אן אנדערע ארט צו זיין צוגאסט אין די סוכה...

דער עושר האט זיך אביסל געוואונדערט, הערנדיג די ווערטער, און ער איז געגאנגען זוכן אן אנדערע ארט צו מקיים זיין די מצוה פון סוכה, אבער וואו ער איז נאר אנגעקומען האט מען אים נישט געוואלט אריינעמען, יעדער איינער מיט אן אנדערע תירוץ... ביז ער האט פארשטאנען אז ווי עס זעט אויס האט דאס צו טון מיטן רב... וועלכער האט באפוילן יעדן איינעם אז מען זאל אים נישט אריינלאזן אין די סוכה...

איז ער געגאנגען מיט א צובראכן הארץ צום בֵּיתוֹ נָאֲוָה קוֹדֶשׁ פונעם רב, דער מרא דאתרא, און ווען ער איז אנגעקומען אין פארנט פונעם רב האט ער אויסגעבראכן אין א ביטערן געוויין, און ער האט געזאגט: בין איך דען חלילה א גוי? פארוואס זאל איך בלייבן אינדרויסן פון די סוכה, און נישט זוכה זיין צו מקיים זיין די מצוה?

האט דער הייליגער רבי אים געענטפערט: אויב דו וועסט מסכים זיין צו מוותר זיין אויף מיין הבטחה אז דו וועסט זיין צוזאמען מיט מיר אין גן עדן, וועל איך דיר לאזן אריינגיין אין די הייליגע סוכה און מקיים זיין די מצוה אזוי ווי עס דארף צו זיין!

דער עושר איז צוטרייסלט געווארן. נאך א שווערע פארלעגנהייט, האט ער זיך געווענדן צום רבי'ן און געזאגט צו אים: איך זע אז איך האב נישט קיין אנדערע ברירה, ווייל איך וועל בשום אופן נישט עסן אדער טרינקען אינדרויסן פון די סוכה! וויבאלד איך האב אלעמאל מקפיד געווען אויף אט די הייליגע מצוה! און אויב עס איז נישטא קיין שום מעגליכקייט צו מקיים זיין די מצוה נאר אויב איך וועל פארציכטן אויף מיין הבטחה, בין איך גרייט צו מוותר זיין אויף מיין טייל מיטן רבי'ן אין גן עדן, און דער עיקר אז איך זאל קענען מקיים זיין די מצוה פון סוכה אזוי ווי עס דארף צו זיין!

ווען דער רבי האט געהערט זיינע ווערטער האט זיין געזיכט אויפגעשיינט. אויב אזוי, האט ער געזאגט, ביסטו געלאדנט אריינצוגיין אין די הייליגע סוכה, און יעצט קומט אויך צוריק צו דיר מיין פעסטע הבטחה, אז דו וועסט זיין עִמִּי בִּמְחִיצָתִי!

דער רבי האט אים גלייך געגעבן צו פארשטיין, אז ער האט דאס געטון וויבאלד ער האט געזוכט דורך וועלכע גוטע זכות זאל ער אים קענען האלטן נעבן זיך אין גן עדן. – וויבאלד דארט איז דאך דער 'עולם האמת', און מען דארף האבן א גוטע און ריכטיגע זכות כדי צו קענען באקומען דעם געוואלדיגן שכר און גוטע באצאלונג. און אויב האט מען נאר די הבטחה פון א צדיק, וועט דאס נישט זיין גענוג אז דורכדעם זאל איינער קענען באקומען גן עדן און עולם הבא בחינם אן קיין שום באצאלונג... און ווען איך האב דיר צוגעזאגט אז דו וועסט זיין צוזאמען מיט מיר אין גן עדן, האב איך אינזינען געהאט אז איך וועל אויסזוכן פאר דיר דעם ריכטיגן זכות, וואס דורכדעם וועסטו זיין ווערד דערצו אז דו זאלסט קענען זיין נעבן מיר אין גן עדן. אפילו די געוואלדיגע זכות הרבים וואס דו האסט יעצט זוכה געווען דערצו, מיטן צושטעלן א הערליכן אתרוג פאר די מענטשן פון די שטאט, איז אויך נאכנישט גענוג אז צוליב דעם זאלסטו קענען זיין נעבן מיר אין גן עדן, וויבאלד דיין גאנצע צושטימונג דערצו איז געווען שלא לשמה... נאר עַל מְנָת לְקַבֵּל פְּרָס, ווייל דו האסט דאך געפאדערט דערפאר א הבטחה פאר עולם הבא! קומט דאך אויס אז דו האסט ווייטער דיר אליין געדינט און נישט דעם באשעפער...

אבער ביי מיר איז נישטא קיין שום סרך פון א 'נְגִיעָה' אדער 'פְּנִיָּה', וויבאלד אלעס ווערט געטון לְשֵׁמָה, מיט א געוואלדיגע זִכּוּךְ, נאר כדי **לַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ!** אן קיין שום כוונה עפעס צו באקומען דערפאר, אפילו נישט מיטן ציל צו באקומען א רוחניות'דיגער שכר דערפאר אין גן עדן! קומט דאך אויס אז אין די חופה דארט אויבן איז נישטא קיין שום איינטריט פאר קיין שום פְּנִיָּה...

דעריבער, האט דער הייליגער בארדיטשובער אויסגעפירט, האב איך דיר אריינגעשטעלט אין אט דעם שווערן נסיון, אז דו זאלסט נישט טרעפן קיין שום סוכה צו קענען דארט מקיים זיין די מצוה, און יעצט אז דו האסט מסכים געווען און דו ביסט עס בייגעשטאנען מיט א שטארקייט מיט מסירות נפש, זייענדיג

מוותר אויף דיין געוואלדיגער טייל אין עולם הבא נאר כדי צו קענען מקיים זיין די מצוה. - קומט אויס אז דורכדעם האסטו געטון די מצוה בשלימות און לשמה, אן קיין שום אייגענע נגיעה אדער זייטיגע פארדינסט, און דורכדעם האסטו זיך קונה געווען עולם הבא, און דו ביסט שוין ווערד צו זיין עִמִּי בִּמְחִיצָתִי אינעם גַּן עֵדֶן הָעֶלְיוֹן!

***

## שמחה של מצוה במסירות נפש פארן סוכה, וואס האט געשיינט און געלויכטן וואונדערליך!

צום הייליגן **"יסוד העבודה" זצוק"ל** איז אמאל אריינגעגאנגען א אידישער סאלדאט, און ווי נאר ער איז אריינגעקומען האט זיך דער רבי זייער שטארק געפריידט צו אים, ערקלערנדיג אז א געוואלדיגער אור פון א מצוה שיינט אויף זיין געזיכט!

נאכן אים אויפנעמען זייער שיין, האט ער אים געהייסן זיך אוועקזעצן נעבן אים, און שטילערהייט, אנדעם וואס קיינער זאל זיי הערן, האט ער אים געבעטן אז ער זאל אים דערציילן עפעס א גוטע און ספעציעלע זאך וואס ער האט געטון, וואס צוליב דעם האט ער זוכה געווען צו אזא זיסע און געשמאקע אור.

אין אנהייב האט זיך דער סאלדאט ארויסגעדרייט, ער האט געצויגן מיט די אקסלען און געזאגט אז ער ווייסט נישט פון עפעס א געוואלדיגע זאך וואס ער האט געטון... איך בין א פשוט'ער איד, האט זיך דער סאלדאט פראבירט צו באהאלטן, איך פארמאג גארנישט אין זיך, און איך ווייס נישט וואס דער רבי האט געפינען אין מיר...

דער רבי האט זיך אבער נישט געלאזט פון אים, און ער האט זיך געבעטן ביי אים אז ער זאל אים אביסל דערציילן איבער דאס וואס ער האט געטון אין די לעצטע תקופה, און צי ער קען אפשר טרעפן עפעס א מצוה וואס ער האט מקיים געווען מיט א ספעציעלן הידור.

נאך לאנגע הפצרות, האט דער סאלדאט ענדליך צוגעשטימט און זיך גענומען דערציילן, אז צו זיין גרויסן ווייטאג האט ער אין די תקופה פונעם לעצטן יו"ט סוכות באקומען א באפעל זיך צו שטעלן צו די מיליטער פונעם צאר. - דאס איז געווען מיט העכער הונדערט יאר צוריק אינעם רשעות'דיגן רוסישן קעניגרייך, ווען זיי האבן ארויסגעגעבן א שווערע גזירה אויף אידן, אז יעדער איינער מוז זיך שטעלן צו די מיליטער. עס איז געווען זייער שווער זיך ארויסצודרייען פון אט די שווערע גזירה, און אזוי איז אויסגעקומען אז זייער אסאך אידן האבן געדינט אין די מיליטער פונעם צאר.

ווי נאר ער האט זיך געשטעלט צו דינען אינעם מיליטער, האט מען אים מאביליזירט צו א ספעציעלע אפטיילונג אינעם מיליטער, וואס איז געווען געשטעלט צו היטן אויפן גרעניץ מיטן פיינט, וואס דאס איז געווען זייער א מסוכנ'דיגער פלאץ. דורכאויס אלע טעג פונעם יו"ט האט ער דארט געדינט, אינעם מיליטערישן לאגער וואס איז געווען פארשפארט פון אלע זייטן, ארומגענומען מיט א שטארקן מויער און מיט 'שטעכל דראָט, און מיט שטארקע מיליטערישע וואַך.

ווען עס איז אנגעקומען **דער ערשטער נאכט פון סוכות**, האט דער סאלדאט גוט געדענקט דעם געוואלדיגן זמן, און געוואוסט אז יעצט איז דער ערשטער נאכט פון יו"ט, און זיין זעל האט שטארק געלעכצט צו פייערן דעם שמחת החג אזוי ווי עס דארף צו זיין, און וויינעגסטנס האט ער באטש געוואלט מקיים זיין די מצוה און עסן איין כזית אין די סוכה! ער האט אבער נישט געהאט קיין שום מעגליכקייט זיך ארויסצוגליטשן פונעם מיליטערישן לאגער, אדער צו פארלאזן זיין אויפגאבע, שטייענדיג צוזאמען מיט די אנדערע גוי'אישע סאלדאטן אין אן אסטראטעגישע פונקט, וואו מען האט געדארפט נאכאנאנד באטראכטן דעם גרעניץ, און זיכערמאכן אז עס קומט נישט פאָר קיין שום פארדעכטיגטע טעטיגקייטן נעבן דער גרעניץ.

ער איז געשטאנען קאנצענטרירט מיטן מיליטערישן 'שפאקטיוו' איבער זיינע אויגן, וואו עס איז שטרענג פארבאטן געווען פאר אים אפצולאזן זיין פלאץ אפילו פאר א רגע! וויבאלד די גאנצע וואַך און זיכערהייט פונעם גרעניץ איז געלעגן בלויז אויף אים און אויף די אלע סאלדאטן אין זיין גרופע.

אינמיטן די נאכט, ווען א שטארקע שטילקייט און א געדיכטע פינסטערניש האט געהערשט אינעם גאנצן ארום, איז געקומען זיין רייע ארויסצוגיין מיט נאך עטליכע סאלדאטן פאר א **פאַטראָל** ארום דעם גרעניץ, זיכערצומאכן פון דער נאנט, אז עס איז גארנישט פארגעקומען קיין באהאלטענע טעטיגקייט וואס זיי האבן נישט געזען מיט זייערע שפאקטיוון...

די סאלדאטן האבן זיך אוועקגעשטעלט אין א שורה, און נאכן אנטון זייערע קאפ העלמעטן [קסדות], האבן זיי אויסגעשטערקט זייערע געווער, און מיט קליינע לעמפלעך אין די הענט האבן זיי זיך ארויסגעלאזט ארום די גרעניץ, מיט קליינע טריט, אין די גרעסטע שטילקייט וואס נאר מעגליך, זיך היטנדיג פון די פילע קליינע באמבעס וואס זענען אויסגעשפרייט געווארן אויפן פעלד, און אזוי גייענדיג האבן זיי שטארק נאכגעקוקט צו עפעס ווערט געטון דארט אין געהיים...

אזוי גייענדיג לענגאויס דעם גרעניץ, האט אונזער אידישער סאלדאט באמערקט פילע ווילדע געוואוקסן, וואס וואקסן אויפן אנדערן זייט פונעם גרעניץ... - ווי דער שטייגער פון די סאלדאטן וואס היטן דעם גרעניץ, ווענדיג באהאלטן דאס וואס ווערט געטון אויף זייער זייט, לאזן זיי וואקסן ווילדע געוואוקסן, כדי די הויכע און געדעכטע געוואוקסן זאל זיי פאַרשטעלן אז מען זאל זיי נישט קענען זען אויף די אנדערע זייט...

אזוי אריבערגייענדיג נאנט צו אט די געדעכטע געוואוקסן, איז אים דורכגעלאפן א ווילדע געדאנק, אז דווקא אט די ווילדע געוואוקסן וואלט געקענט דינען פאר אים אלץ א פיינע סוכה... ער האט זיך צושמייכלט פאר א מינוט פון אזא מחשבה'לע, ווייל אריבערצושווערצן די גרעניץ און אריינגיין דארט צווישן די הויכע צווייגן און גראזן... וואלט געמיינט, זיך אריינצולייגן אינעם לייבן־גרוב, און זיך כמעט לאזן הרג'נען מיט א זיכערע טויט!

ער האט אויך גוט געוואוסט אז צווישן די צווייגן באהאלטן זיך די סאלדאטן פון די פיינט מיט די אויסגעשטרעקטע געווער... אויך האט ער געוואוסט אז די גאנצע ערד איז פול מיט מינעס [מוקשים] אויף יעדן טריט און שריט... אזוי אז עס איז ממש גאר א געפערליכע סכנה!

ווי פארשטענדליך, האט ער פארגעזעצט צו גיין צוזאמען מיט די אנדערע סאלדאטן אין זיין גרופע, אבער ער איז נישט געווען דערביי... זיין זעל איז אים אויסגעגאנגען צו מקיים זיין **מצות סוכה** נאך אינעם זעלבן נאכט! אזוי ווי אלע גוטע אידן.

ער האט זיך געפרעגט דורכאויס יענער נאכט, פילע מאל, פארוואס זאל איך זיין אנדערש פון מיינע אנדערע אידישע ברידער, וועלכע זיצן אלע אין די הייליגע סוכה, מיט א הייליגן ציטער, און איך זיץ דא 'פארקנאקט' אינעם מיליטער, אן צו זיך קענען אוועקרירן.

עטליכע שעות זענען דורכגעגאנגען. די גרופע איז שוין לאנג צוריקגעקומען צום וואַך־טורעם אינעם מיליטערישן לאגער, וועלכע איז פארשלאסן אויף שלאס און ריגל, און יעדער סאלדאט איז געשטאנען ביי זיין פאזיציע. אונזער אידישער סאלדאט שוועבט אבער ערגעץ אנדערש אין זיין געדאנק... ער האט טיף 'באטראכט' אלע אנדערע סאלדאטן, און

מער ווי אלעם, האט ער נאכגעקוקט דער הויפט פון די גרופע, וועלכער האט זיי געהיטן די גאנצע צייט. ווילדע געדאנקען זענען דורכגעלאפן זיין קאפ... ער האט געהאלטן אין איין זאגן צו זיך: **זאל זיין וואס זאל נאר זיין, איך מוז האבן א 'סוכה'!**

פלוצלונג, זייער שפעט ביינאכט, האט זיך געשאפן פאר אים א גאלדענע געלעגנהייט, ווען דער הויפט פונעם גרופע איז געווארן זייער שטארק מיד, און ער איז איינגעשלאפן אינמיטן זיין אויפגאבע... און די אנדערע סאלדאטן זענען אויך געווען פארנומען יעדער איינער מיט זיינע זאכן... – אין א רואיגע סעקונדע, ווען קיינער האט נישט באמערקט, האט ער זיך שטילערהייט ארויסגעגליטשט פונעם וואַך-טורעם, לויפנדיג שנעל פונעם באהאלטענעם טיר וואס איז געאייגנט פאר א נויטפאַל... אנדעם וואס קיינער זאל באמערקן, האט ער זיך ארויסגעזען פונעם מיליטערישן פעסטונג, צום פרייען פעלד!

דאנקענדיג דעם אויבערשטן אז דער אנהייב איז ב"ה דורכגעגאנגען מיט הצלחה, האט ער אבער געדענקט אז דער עיקר פונעם אויפגאבע און די גרויסע געפארפולע מיסיע שטייט נאך יעצט אין פארנט פון אים!

דער דרייסטער סאלדאט האט אנגעהויבן צו שפאנען שטאט און שטיל, לענגאויס דעם גרעניץ, ווען ארום אים הערשט א פולע שטילקייט, און שטארק אכטונג געבנדיג אז ער זאל נישט אנטפלעקט ווערן דורך די שטארקע באלויכטונג וואס האט באלויכטן ביידע זייטן פונעם גרעניץ... ער האט גוט געדענקט ווי די געדעכטע געוואוקסן געפינען זיך, וואס נאר מיט געציילטע שעות פריער איז ער דורכגעגאנגען נאנט נעבן דעם.

מיט א הארץ פול מיט שרעק און טרייסל האט ער זיך דערנענטערט צו דעם, ווען זיינע ליפן שעפשען די גאנצע צייט א הארציגע תפילה צום אויבערשטן, בעטנדיג אז ער זאל אים העלפן מקיים זיין די הייליגע מצוה פון סוכה!

און אט איז ער ענדליך אנגעקומען בסייעתא דשמיא צום ציל. די פארכטיגע זאך וואס ער האט יעצט געוואלט טון, איז געווען פארבינדן מיט א שרעקליכע געפאר, ער האט אבער די גאנצע צייט איבערגע'חזר'ט די ווערטער פונעם פסוק אין קהלת (ח, ה) "שׁוֹמֵר מִצְוָה לֹא יֵדַע דָּבָר רָע"!

ווען ער האט באטראכט דעם הויכן און שרעקליכן מויער נעבן אים, און די פארוויקלטע שטעכל-דראָט נעבן דעם, האט ער נישט געזען פאר זיך קיין שום מעגליכקייט דורכצושווערן דעם גרעניץ און אריבערגיין צום אנדערן זייט, און נאכדערצו אונטער די שארפע בליקן פון די שומרים פון ביידע זייטן...

ער האט אבער נישט אויפגעגעבן! פלוצלונג האט ער באשלאסן אז ער גייט עס איבערקריכן פאר יעדן פרייז! מיט א געוואלדיגע זריזות און דרייסטקייט, אזוי ווי ער האט זיך שוין אפטמאל צוגעוואוינט ביים קעמפן, איז ער שנעל ארויפגעקראכן דעם מויער ביז אויבן, און מיט א געפארפולן שפרינג האט ער זיך געטראפן אויף די אנדערע זייט פונעם גרעניץ... מיט שנעלע באוועגונגען האט ער זיך ארייגעלאזט אויפן אנדערן זייט, ווען דורכאויס די גאנצע צייט איז ער דָבוּק מיט א תפילה צום אויבערשטן, קוקנדיג מיט זיינע בליקן אויף אלע זייטן, און זיכערמאכנדיג ביי יעדן טריט אז ער זאל חלילה נישט טרעטן אויף קיין לאנד-מינע, וואס וואלט זיך חלילה געקענט צופלאצן, און אויפוועקן די סאלדאטן און מיליטער פון ביידע זייטן...

ער איז ענדליך אנגעקומען צו די באהאלטענע געוואוקסן, און בליץ-שנעל האט ער זיך דארט מסדר געווען א כשר'ע און מהודר'דיגע סוכה, פון זיין קעשענע האט ער ארויסגענומען א 'כזית' און בדחילו ורחימו האט ער געמאכט די ברכה אויפן סוכה מיטן שהחיינו, און געגעסן זיין סעודה'לע אין סוכה, כדת וכדין!

נאכן אויספירן זיין אויפגאבע אויפן בעסטן שטייגער, האט ער יעצט געדארפט מאכן דעם גאנצן שרעקליכן וועג אויף צוריק... אזוי ווי ער האט עס געטון אויפן וועג אהין, האט ער עס געטון אויפן וועג צוריק, ווען זיין הארץ טאנצט צווישן שרעק און פרייד, און דאנקענדיג דעם אויבערשטן פארן געוואלדיגן זכות צו מקיים זיין די מִצְוַת הַיּוֹם, איז ער צוריקגעקראכן אויפן זעלבן וועג אזוי ווי ער איז אריינגעקומען.

צו זיין גרויס פרייד און ערשטוינונג, האט ער נאכאמאל דורכגעשוויצט אלע שטרויכלונגען, די וועג איז דורכגעגאנגען בשלום, און דאסמאל שפרינגט ער אריבער דעם מויער אויפן פארקערטן ריכטונג...

שטילערהייט האט ער געשפאנט לענגאויס דעם גרעניץ, און פונעם באהאלטענעם טיר איז ער שטילערהייט צוריק אריינגעדרינגען אינעם מיליטערישן פעסטונג, און ער האט זיך תמימות'דיג צוריק אוועקגעשטעלט מיטן שפאקטיוו איבער זיינע אויגן, אזוי ווי ער וואלט דארט געשטאנען נאכאנאנד דורכאויס די גאנצע נאכט...

**אזוי האב איך זוכה געווען מיט מסירות נפש מקיים צו זיין מיט געוואלדיגע סייעתא דשמיא די מצוה פון סוכה!** – האט דער אידישער סאלדאט אויסגעפירט זיין וואונדערליכע ערציילונג פארן צדיק.

אבער צו זיין שטוינונג, איז דער רבי, דער הייליגער יסוד העבודה, נאך אלץ נישט געווען צופרידן. ווייל כאטש דאס איז טאקע זייער א געוואלדיגע מצוה, און דורכן כח פון אזא וואונדערליכע מצוה וואס איז געטון געווארן במסירות נפש קען דיין נשמה שטארק באלויכטן ווערן, פונדעסטוועגן איז דער געוואלדיגער ליכטיגקייט וואס שיינט אויף דיין נשמה, פיל שטארקער דערפון!

דער צדיק איז געבליבן פאר'עקשנ'ט: עס איז דא נאך עפעס אין די מצוה וואס דו האסט געטון! איך בעט דיר! דערצייל מיר ווייטער וואס עס איז דעמאלטס געשען, וואס האסטו נאכדעם געטון אין יענער נאכט, דער ערשטער נאכט פון יו"ט סוכות, דארט אינעם מיליטערישן פעסטונג?

קיין שום זאך! האט דער סאלדאט געענטפערט. נישט פארשטייענדיג צו וואו דער רבי וויל צוקומען. ער האט נאר גוזאגט: דערמיט האב איך געענדיגט מקיים זיין אט די וואונדערליכע מצוה פון סוכה בשלימות!

ניין, האט דער צדיק ווייטער גע'טענה'ט, איך בעט דיר: זאג מיר ווייטער וויאזוי עס איז צוגעגאנגען דער נאכט דארט אינעם מיליטערישן לאגער?

דער סאלדאט האט זיך ענדליך געלאזט בעטן: ווען איך בין צוריקגעקומען צו מיין פאזיציע, האב איך זיך נאטורליך צוריקגעשטעלט צו מיין פאזיציע, און טרייסלענדיג פון שרעק, האב איך געקוקט אויף אלע זייטן, ציטערנדיג טאמער איינער האט מיר חלילה באמערקט, ווייל דעמאלטס וואלט איך געקענט חלילה אנקומען צו טויט-שטראף!

אבער ווי לענגער דער נאכט האט זיך געצויגן, און קיינער איז נישט צוגעקומען צו מיר, און קיינער האט גארנישט גערעדט... נאר אלעס האט זיך געפירט אזוי ווי געוויינליך... איז דער שרעק צוביסלעך צושמאלצן געווארן, און אנשטאט דעם האט זיך מיין הארץ אנגעפילט מיט א געוואלדיגע שמחה, טראכטנדיג איבער דאס וואס איך האב זוכה געווען צו טון...

איבער'חזר'נדיג ביי זיך אין קאפ אלע דרייסטע פעולות וואס איך האב געטון ארום די געוואלדיגע מצוה, האט מיר אנגעכאפט א געוואלדיגע וואונדער, וויאזוי איז מיר געלונגען דאס אלעס דורכצופירן אנדעם וואס קיין שום נברא




## שמחת תורה
### כ"ב תשרי תשפ"ו

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 5:47 |
| מוצש"ק | 6:47 |
| ר"ת | 7:34 |

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:46 | סוז"ת א' | 10:00 |
| סוזק"ש ב' | 9:31 | סוז"ת ב' | 10:30 |

הזמנים לפי שעון קיץ

זאל מיר זען, נישט פון אונזער זייט גרעניץ, און נישט פון די אנדערע זייט פונעם גרעניץ!

**עס מוז זיין אז דא איז פארגעקומען א וואונדערליכער נס!** – האט מיר פלוצלונג באנומען דער געדאנק. דאס האט נישט קיין אנדערע ערקלערונג, נאר אז השי"ת מיט זיין גרויס רחמים און חסדים, האט מיט מיר געטון א געוואלדיגער נס, און ער האט מיר געהאלפן ארויסברענגען מיין געוואלדיגע השתוקקות צו די מצוה פון סוכה, מִן הַכֹּחַ אֶל הַפֹּעַל!

ווען איך האב טיפער אריינגעטראכט אין די גאנצע זאך, איז מיין הארץ אנגעפילט געווארן מיט א שטארקע שמחה, און איך האב שטילערהייט אנגעהויבן זינגען פאר מיר די ניגונים פונעם הייליגן יו"ט. א געוואלדיגע שמחה האט מיר ארומגענומען, און עס האט אנגעפולט מיין גאנצע מציאות. איך האב זיך מער נישט געקענט איינהאלטן, און איך האב זיך פלוצלונג ארויסגעלאזט אין א **ריקוד של מצוה!** אזוי שטייענדיג ביי מיין פאזיציע, האב איך גענומען טאנצן... מיינע חברים דארט אינעם גרופע האבן געמיינט אז איך בין אראפ פון זינען, נאך אזויפיל לאנגע שטונדן פון קוקן אן גארנישט טון... איך האב זיך אבער פארהוילן פון זיי, נאר ווייטער געטאנצן א לאנגע צייט, מיט געהויבענע בענקשאפט צו די צִלָּא דִמְהֵימָנוּתָא עִלָּאָה!

ווען דער רבי האט דאס געהערט, האט זיין געזיכט אויפגעשיינט און ער האט זיך ענדליך בארואיגט. יעצט איז שוין אלעס קלאר און פארשטענדליך, האט ער געזאגט צו דעם תמימות'דיגער איד וואס איז געשטאנען פאר אים. וויסן זאלסטו, האט דער רבי ווייטער געזאגט, אז פון אט די שמחה של מצוה וואס דו האסט געהאט דורכן מקיים זיין די מצוה פון סוכה מיט אזא געוואלדיגע מסירות נפש, האט דיין נשמה אויפגעשיינט מיט א שטארקע ליכטיגקייט, נאכמער ווי דורך די מצוה אליין וואס דו האסט געטון אין יענער הייליגער נאכט!

א ראיה דערצו האט דער רבי געברענגט פון די באוואוסטע ווערטער פון דער הייליגער **אר"י ז"ל**, וועלכער האט אנטפלעקט צו זיין הייליגער תלמיד **מוהרח"ו זצוק"ל**, אז דער עיקר סיבה פארוואס ער האט זוכה געווען צו אלע זיינע פארכטיגע מדריגות, איז געווען אין זכות פון שמחה של מצוה!

**אט דאס איז דער געוואלדיגער כח פון שמחה של מצוה, אז עס שיינט און באלייכט דעם נפש, מיט א גרויסע און שטארקע ליכטיקייט, מיט מוחין דגדלות, און מיט א געוואלדיגער שפע פון קדושה!**

***

## "ערבה" בגימטריא זר"ע – סגולה פאר קינדער וואס וועלן זיין ערליך, תלמידי חכמים און צדיקים

**ביי די תפילה וואס מען זאגט בשעת'ן צוזאמבינדן דעם לולב בעט מען:** "וְתִתֵּן לָנוּ **זֶרַ"ע** כָּשֵׁר וְחָכָם וְצַדִּיק, שֶׁעוֹלֶה **עֲרָבָ"ה**" (ספר שערי ציון, וספרי גורי האר"י ז"ל).

אין די ערבה איז דא א וואונדערליכע סגולה פאר גוטע קינדער, און בפרט אינעם 'יום ערבה', וואס דאס איז הושענא רבא. אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אינעם **ספר הליקוטים** (פר' בלק פרק כג) אז דאס האט חנה מרמז געווען אין איר תפילה, מיט די ווערטער (שמואל א' א, יא) 'וְנָתַתָּה לַאֲמָתְךָ **זֶרַע** אֲנָשִׁים' וגו', ווייל עֲרָבָ"ה באטרעפט בגימטריא זֶרַ"ע, עיין שם. און אין **פרי עץ חיים** (שער הלולב פ"ו) שטייט, אז דאס איז דער סוד פון דער פסוק וואס **יוסף הצדיק** האט מגלה געווען (בראשית מז, כג): **"הֵ"א לָכֶם זֶרַע"**, וואס דאס איז מרמז אויף די פינף שטעקלעך פון די ערבה (אום הושענא רבא), וועלכע פארמאגן די סגולה צו ממשיך זיין זרע, עיין שם. און אין **אמרי פנחס** (שער ד' שבת ומועדים אות קט"ו) ווערט געברענגט א מעשה פון א פאר־פאלק וועלכע האבן נישט געהאט קיין קינדער, און דער מאן האט געזאגט פאר זיין ווייב אז זי זאל קאכן די ערבה, און זיי האבן געהאט קינדער, עיין שם.

עס איז אמאל געווען א מעשה, אז איינער וועלכער איז געווען א יָרֵא וְשָׁלֵם, וועלכער האט נישט געהאט קיין קינדער פאר לאנגע יארן, אז געקומען לְבֵיתוֹ נָאֲוָה קֹדֶשׁ פון דער **סטייפלער גאון זצוק"ל** בעל **"קהלות יעקב"**, פאר א ברכה אויף קינדער.

נאכן איבערגעבן פארן צדיק זיין בקשה כנהוג, וואו ער האט ערקלערט זייער געוואלדיגע צרה און ענגשאפט, און נאכן דערציילן אז זיי האבן שוין פראבירט אלע סארטן השתדלות על פי דרכי הרפואה און אויך מיט אלע ערליי סגולות, האט עס זיי נישט געהאלפן, און דעריבער בעטן זיי פון דער צדיק אז ער זאל זיי בענטשן געהאלפן צו ווערן מיט קינדער.

דער סטייפלער האט געליינט זייער בקשה מיט גרויס ווייטאג, מיטפילנדיג דער צער פון דער איד און זיין ווייב, און ער האט אים געבענטשט פאר א ישועה מן השמים. דער איד האט זיך אבער נישט




באגענוגנט מיט בלויז א ברכה... נאר ער האט געפאדערט אז דער צדיק זאל אים **מבטיח** זיין א בן זכר! ער האט פייערדיג גע'טענה'ט אז זיי זענען שוין זאט פון פילע 'ברכות' פון צדיקים און גוטע אידן, און זיי האבן ליידער נאכנישט זוכה געווען צו קיין קינדער! דעריבער איז אים נישט גענוג סתם א ברכה, נאר ער דארף האבן א הבטחה!

האט דער סטייפלער גענומען שרייען אויף אים מיט שטארקייט, כדרכו בקודש, [וואס דערמיט האט ער ממתיק געווען די דינים כידוע], זאגנדיג: **בין איך דען א רבי?! אדער א בעל מופת?! צודען טייל איך קינדער?! וואס וויל מען פון מיר???**

דער איד אין זיין ענגשאפט, איז נישט געווען אימשטאנד אהיימצוגיין אן קיין הבטחה פאר א ישועה, און טראצדעם וואס יעדער איינער האט מורא געהאט פונעם צדיק וואס ארום אים האט געהערשט א געוואלדיגע יראה. האט אבער דער איד נישט נאכגעלאזט, און איז געבליבן דארט שטיין מיט פעסטקייט, אזוי ווי ער וואלט נישט געקענט זיך רירן פון ארט, און מיט א קול געשטיקט פון געוויין, גיסנדיג טרערן ווי וואסער, האט ער קלארגעמאכט אז ער גייט זיך נישט אוועקרירן פון דארט אן קיין קלארע הבטחה פאר א קינד!

ווען דער סטייפלער האט געזען אז דאס איז דער מצב, און דער איד איז פאר'עקש'נט מיט זיינע תחנונים, און ער לאזט אים נישט צוריקגיין צום לערנען די הייליגע תורה, האט ער רחמנות געהאט אויף זיי, און וויבאלד ער האט זייער שטארק מורא געהאט פון ביטול תורה, האט ער געשפירט אז ער האט נישט קיין שום אנדערע ברירה, און זיך ווענדנדיג צו דער איד, האט ער אים געזאגט מיט א ליכטיגן געזיכט און מיט א הייליגע פלאם: **איך בין דיר מבטיח א בן זכר בעזרת השי"ת!**

ווען דער איד האט געהערט ווי די הבטחה קומט קלאר ארויס מפה קדשו, איז ער גלייך איבערגעדרייט געווארן לְאִישׁ אַחֵר, ווערנדיג פול מיט שמחה. א נייע גייסט האט זיך אריינגעגאסן אין אים, ממש אזוי ווי עס וואלט געשען מיט אים תחיית המתים!

און ווירקליך, צום יאר איז זיי געבוירן געווארן א בן זכר, געזונט און שטארק, און די שמחה איז געווען גאר געוואלדיג ביי די גאנצע משפחה.

ווען עס איז אנגעקומען צו די שמחה פונעם ברית מילה, איז עס געווען א פשוט'ער זאך ביי יעדן איינעם, אז די סנדקאות געהערט פארן סטייפלער! וועלכער האט געלייגט דעם גאנצן שטארקן הבטחה פאר זייער ישועה. אבער ווען דער אבי הבן האט גערעדט דערוועגן מיט זיין טאטע האט ער נישט מסכים געווען דערצו, וויבאלד זיין טאטע איז נישט געווען פון די נאנטע צום קהילות יעקב, איז ביי אים געווען פשוט אזוי ווי עס איז אנגענומען ביי אסאך משפחות אין כלל ישראל, אז די סנדקאות געהערט פארן זיידן! ער האט גע'טענה'ט צו זיין זון, אז עס מוז נישט זיין אז דער קינד איז געבוירן געווארן דווקא צוליב די הבטחה פונעם סטייפלער, וויבאלד עס זענען אויך געווען נאך תפילות און ברכות...

דער טאטע פונעם קינד איז אבער געווען פעסט ביי זיך, אז דאס סנדקאות פונעם קינד געהערט יא צו דער סטייפלער! – און ווי באוואוסט האט דער סטייפלער זייער מהדר געווען אין די מצוה פון סנדקאות, און ער פלעגט זיך משתדל זיין אנצוקומען ביי יעדן ברית מילה וואו מען האט אים מכבד געווען מיט סנדקאות.

ביז דער זיידע האט באשלאסן, אז די בעסטע עצה וועט זיין, אז מען זאל אליין גיין פרעגן דער סטייפלער וואס ער האלט...

איז ער געגאנגען צו דער סטייפלער, און ער האט אים געזאגט ווי פאלגנד: מיין זון טענה'ט, אז אט דער געבוירענער קינד איז אייער 'מופת'! און דעריבער קומט זיך אייך די סנדקאות! אויב טוט איר דאס באשטעטיגן, אז דער קינד איז געבוירן געווארן מכח אט די ברכה און הבטחה, בין איך אייך מוותר די סנדקאות!

האט אים דער סטייפלער געענטפערט, ווען א פרייליכן און הייליגן שמייכל איז אויסגעשפרייט אויף זיין געזיכט: צי דאס איז מיין 'מופת' אדער נישט, דאס ווייס איך נישט... איך בין נישט קיין נביא... און אויך נישט קיין 'בעל מופת'... – אבער דאס ווייס איך יא, אז אייער זון איז דא געזעצן און געוויינט א לאנגע צייט מיט בכיות נוראות, און האט זיך אזוי לאנג געבעטן און זיך פאר'עקש'נט אז איך זאל אים מבטיח זיין א ישועה, דעריבער ווען איך האב געזען זיין גרויסן צער און אויך דער ביטול תורה וואס דאס האט צוגעברענגט, האב איך אים געמוזט געבן א הבטחה! – און נאכדעם וואס ער איז ארויסגעגאנגען פון דא, האב איך אריינגעטראכט אין די הבטחה וואס איך האב ארויסגעזאגט פון מיין מויל, און איך האב געהאט דערפון א גרויסע טירדה און עגמת נפש, ווייל מיט וועלכע כח האב איך אים געגעבן א הבטחה? ווייל ווער בין איך און וואס בין איך דען צו קענען מבטיח זיין אזעלכע זאכן?

זייענדיג אזוי צושטורעמט דערפון, בין איך געזעצן א גאנצער נאכט מיטן **ספר תהילים** און איך האב מתפלל געווען און געבעטן אז די הבטחה זאל מקוים ווערן!

ווען דער איד האט געהערט די ווערטער פונעם סטייפלער, האט ער זיך אנגערופן: איך ווייס אויך נישט זיכער, צי דער קינד איז אייער מופת אדער נישט... – אבער אויב זענט איר מסוגל צו זיצן א גאנצע נאכט


די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!
מכון טיב





יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173